# עולת שבת בשבתו

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת ויגש | כיתה ח' ט' תשס"ט לפ"ק

## מילי דחסידותא

**ועתה אל תעצבו:** הנה ועתה הוא לשון תשובה, לכן אמר אף על פי שאתם צריכים לשוב בתשובה, על המעשה אשר עשיתם, אך אל תעצבו, לא בעצבות הוא דרכי התשובה, כי התשובה היא מצות עשה מן התורה, וצריך לעשותה בשמחה, כמו שכתוב: **עבדו את ה' בשמחה**, ולכך ועתה הוא לשון 'תשובה', כי הבעל תשובה צריך לומר מעתה הנני שב, הנני חוזר בתשובה, ולא אשוב לכסלה עוד, רק עתה אהיה ברוך ה' מהיום והלאה. (תפארת שלמה).

### דרש דרש

**וישלח את אחיו וילכו ויאמר אליהם אל תרגזו בדרך:** רש"י זאגט 3 פשטים א) שלא תפסיעו פסיעה גסה ב) אל תתעסקו בדבר הלכה ג) שלא יריבו זה עם זה.

זאגט דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע אז די אלע דריי פשטים גייען אינאיינעם, ווייל די גמרא זאגט אין מס' ברכות (דף מ"ג ע"ב) אז גיין מיט גרויסע טריט שאדט פאר די אויגן, און שבת ביי קידוש ווערן די אויגן פארהיילט. אין די ספה"ק ווערט געברענגט אז די שבטים זענען געווען מסופק צי זיי האבן א דין ישראל צי א דין בן נח, און דער חילוק איז לגבי 2 זאכן 1) ווייל נאר אידן מעגן היטן שבת. ב) אויב האבן זיי א דין ישראל האט יעקב נישט געטארט חתונה האבן מיט 2 שוועסטערס.

דאס איז געווען יעצט ביי די שבטים, זיי האבן געוואלט לויפן שנעל צו זייער טאטן, אבער עס איז א סכנה פאר די אויגן, האבן זיי געהאט א עצה צו מאכן קידוש און דאס וועט העלפן פאר די אויגן, וועט ווערן א שאלה צי זיי האבן א דין ישראל און זיי מעגן האלטן שבת, און אויב יא, קומט אויס אז יעקב האט גענומען די צוויי שוועסטערס באיסור, ווערט א מחלוקה ווער איז געבוירן באיסור, צי רחל'ס קינדער ווייל רחל האט חתונה געהאט די צווייטע, צי בני לאה, ווייל רחל האט ער מקדש געווען דורך די ארבעט פון די ערשטע 7 יאר, וועט מען זיך אנהייבן צו קריגן, קומט אויס אז אלע דריי פשטים זענען אמת, אז יוסף האט זיי אנגעזאגט אז זיי זאלן נישט לויפן, כדי ס'זאל נישט שאטן פאר די אויגן, און זיי וועלן וועלן מאכן קידוש, און דעריבער וועלן זיי מאכן א מסקנא אז זיי האבן א דין ישראל, און ס'וועט קומען צו א מחלוקה.

*

**ולבנימין נתן שלש מאות כסף:**

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט יוסף געגעבן פאר בנימין פונקט **שלש מאות כסף**.

זאגט דער **אסטראווצער גאון זצ"ל** אזוי: ווייל די שבטים האבן זיך איינגעטיילט יעדן טאג צו באדינען דעם טאטן, קומט אויס אז די 'צוויי און צוואנציג יאר וואס יוסף איז נישט דארט געווען האבן די שבטים אים איבער גענומען און זיי האבן באדינט דעם טאטן אין די טעג וואס ער האט פארפעלט.

## מעשה רב

### בורא נפשות רבות

כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצ"ל האט דערציילט אז נעבן די שטאט סיגעט געפונט זיך א דארף 'קאפאניע'. וואס די ארטיגע אידן האבן געצויגן פרנסה פון מאכן בראנפן, און זיי האבן דאס פארקויפט פאר די גוי'אישע שכנים.

איין טאג האט דער גלח אנגעהויבן צו העצן די גוים אז זיי זאלן מער נישט קויפן בראנפן ביי די אידן, און די אידן האבן געזעהן אז זייער פרנסה אין אין א סכנה, זענען זיי אריבערגעפארן קיין סיגעט צום ייטב לב זי"ע און געוויינט אז דער גלח לייגט צוגרונד זייער פרנסה.

האט דער **ייטב לב** געזאגט אזוי: מיר זאגן יעדן טאג "**בורא נפשות רבות וחסרונן**", דער פשט איז ווייל אין פר' ויגש זאגט רש"י אז ביי יעקב אבינו ווערט אויסגערעכנט 70 קינדער און אייניקלעך און ער רופט זיי 'נפש', ווייל זיי דינען צו איין באשעפער, משא"כ ביי עשו שטייט 'נפשות', ווייל זיי דינען צו אסאך געטער, דאס איז דער פשט "בורא 'נפשות' רבות, דער אייבערשטער באשאפט אסאך גוים, וחסרונם, און ער מאכט ס'זאל זיי פעלן צום לעבן, כדי להחיות בהם נפש כל חי, אז אידישע קינדער זאלן קענען האבן פרנסה, אבער אויב די גוים געבן נישט קיין פרנסה פאר אידן, דארפן זיי נישט לעבן...

א קורצע צייט שפעטער האט אויסגעבראכן א מגיפה ביי די גוים, און מען האט נאכגעזוכט וואס עס איז די סיבה פון די מגיפה, האבן זיי געטראפן אז דאס איז ווייל זיי האבן אויפגעהערט צו טרינקען בראנפן, וואס דאס וואלט זיי אויסגערייניגט, און זיי וואלטן נישט געשטארבן, הערענדיג אז דער גלח איז שולדיג דערין, האט מען אים גענומען און געברענגט צו א הארבן עונש כן יאבדו כל אויבך ה'.

## מילי דרמיזא

**ויגש אליו יהודה ויאמר בי אדוני וגו':**

יעדער בחור ווען ער קומט אריין לעול התורה והמצוות דארף ער זיך אויסוויינען דאס הארץ פארן בורא כל עולמים אז ער זאל האבן די כוחות זיך צו פארמעסטן מיטן יצר הרע נאך די בר מצוה און ער זאל קענען דאווענען ווי עס דארף צו זיין, און ער זאל קענען לערנען מיט התמדה.

דאס קען מען מרמז זיין אינעם פסוק: ויגש אליו יהודה, זאגן חז"ל מצינו הגשה לתפלה, אז א בחור פאר די בר מצוה דארף צוגיין צו השי"ת און איהם זאגן ב"י אדני, הייליגער באשעפער איך בין אלט צוועלף יאר, איך גרייט מיך צו מיין בר מצוה, איך בעט דיר טאטע אין הימל ידבר נא עבדך דבר באזני אדני, אז נאך מיין בר מצוה זאל איך קענען דאווענען פאר דיר, און איך זאל זיך קענען אויפפירן מיט יראת שמים און מידות טובות כדי ואל יחר אפך בעבדך, אז קיינמאל אין מיין לעבן זאלסט נישט האבן קיין צער פון מיר (כ"ק מרן רבינו שליט"א).

די שבטים קענען אבער נישט האבען קיין טענות אויף יוסף אז זיי ארבעטן וועגן אים, ווייל זיי האבן אים דאך פארקויפט, אבער בנימין איז דאך נישט דארט געווען, וועגן דעם האט אים יוסף געוואלט באצאלן פאר די טעג וואס ער האט געארבעט אנשטאט אים.

דארף מען נאר פארשטיין פארוואס פונקט שלש מאות כסף?

זאגט ער דעם חשבון אזוי: אין בית יוסף שטייט אז עס איז דא דריי הונדערט ימות החול אין איין יאר, און די שבטים זענען דאך געווען 'צוועלף'. קומט אויס אז יעדער האט באדינט דעם טאטן 'פינף און צוואנציג' טעג אין איין יאר (ווייל 12 מאל 25 איז 300 אזויפיל וויפיל ארבייטס טעג עס איז דא אין א יאר), יוסף איז נישט דארט געווען 'צוויי און צוואנציג יאר', האבן דאך די ברודער געארבייט וועגן אים, יעדער איינער 'פופציג' טעג, (ווייל 22 מאל 25 איז 550) קומט אויס אז די ברודער האבען געארבעט פאר יוסף 550 טעג, ווייל 11 ברודער 50 טעג איז 550.

עס שטייט אין מדרש אז דער שכר פון איין טאג ארבעט איז 6 כסף, קומט אויס אז 50 מאל 6 איז 300 וועגן דעם האט יוסף געגעבן **שלש מאות כסף** פאר בנימין צו באצאלן די 50 טעג וואס ער האט געארבעט פאר אים.

*

**מילי דשמעתתא - במס' קידושין**

**לעולם ישליש אדם שנותיו:**

מיר לערנען די וואך ווי יוסף הצדיק האט אנגעזאגט פאר זיינע ברודער **אל תרגזו בדרך**.

אין מס' תענית זאגט די גמרא אז יוסף הצדיק האט דא אנגעזאגט פאר זיינע ברודער **"אל תתעסקו בדבר הלכה שמא תרגז עליכם הדרך"**, ממילא זאל מען נישט לערנען אויפן וועג. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט דאס נאר יוסף אנגעזאגט, און נישט יעקב אבינו בשעת ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען?

ענטפערט דער **יערות דבש** אז די גמרא זאגט אין מס' קידושין, **לעולם ישליש אדם שנותיו, שליש במקרא, שליש במשנה, שליש בתלמוד**, פרעגט די גמרא ווייסט דען א מענטש וויל־אנג ער וועט לעבן אז ער זאל דאס קענען איינטיילן אין דריי. ענטפערט די גמרא **ליומא**, ווי תוס' איז מסביר מיינט דאס אז מ'זאל יעדן טאג איינטיילן אין דריי און לערנען פון אלע חלקי התורה.

דעריבער קען זיין אז ווען יעקב אבינו האט זיי געשיקט האט ער נאך געמיינט אז יוסף הצדיק איז געשטארבן, און די הבטחה וואס דער אייבערשטער האט איהם געגעבן אז זיינע קינדער וועלן נישט שטארבן בחייו איז בטל געווארן, ממילא האט ער זיי נישט געקענט אנזאגן אז זיי זאלן נישט לערנען אויפן וועג, ווייל זיי מוזן יעדן טאג לערנען פון אלע דריי חלקי התורה, ווייל קיינער ווייסט דאך נישט וויאלאנג ער וועט לעבן.

אבער יוסף הצדיק האט דאך געוואוסט אז די הבטחה איז נישט בטל געווארן, ממילא וועלן זיי יא האבן אריכות ימים, דעריבער דארף מען נישט איינטיילן יעדן טאג צו לערנען הלכות, נאר זיי וועלן ממשיך זיין צו לערנען אינדערהיים.

## יגעת ומצאת!

היינטיגן פרייטאג געפאלט די יארצייט פון הגה"ק רבי יחזקאל שרגא האלבערשטאם זי"ע, דער שינאווער רב.
ווי באקאנט זענען רבותינו הק' זי"ע געווען זייער שטארק אדוק אין די הייליגע גזע פון צאנז-שינאווע, דער הייליגער ייטב לב איז געווען א מחותן און זייער נאנט צום הייליגן צאנזער רב זי"ע, און דער קדושת יו"ט זי"ע איז געווען א פייערדיגער צאנזער חסיד, דער רבי זי"ע פלעגט אויך רעדן פון צאנז און שינאווע מיט א געוואלדיגע ברען, און ער האט זיך געהאלטן זייער מקושר צו די צדיקים. דעריבער וועלן מיר די וואך באשטימען דעם סדר פון "יגעת ומצאת" איבער די הייליגע משפחה לבית צאנז-שינאווע.

**דער שינאווער רב זי"ע, נולד? נלב"ע? בן? בעמח"ס? קודם אב"ד? אח"כ אב"ד? אח"כ בסוף? חתן בזו"ר? בזו' שני? בזו' שלישי? בזו' רביעי? בזו' חמישי? זיינע זעקס הייליגע ברודער? זיינע פינף הייליגע קינדער?**

## ראשי תיבות

**ווי אזוי מאכט דאס ווארט** (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ז')....

ז"פ, זוה"ק, זש"ק, זי"ע ועכי"א, זצוק"ל, זשאה"כ, זט"ה, זל"ט, זלה"ה, זל"ז

# מילי דשמעתתא!

*

**תענית עשרה בטבת:**

די קומענדיגע וואך דינסטאג געפאלט דער תענית עשרה בטבת איז די צייט אויסצושמועסן א אינטערעסאנטע זאך בנוגע די תעניתים וואס חז"ל האבן מתקן געווען.

איבערן יאר האבן מיר פארשידענע תעניתים: **יום הכיפורים** וואס איז א דאורייתא **עשרה בטבת תענית אסתר, י"ז בתמוז, תשעה באב, צום גדלי'**.

וועלן מיר דא אויסשמועסן א אינטערעסאנטע זאך אז **עס איז דא פיר באזונדערע הלכות וואס איז נוגע צו די תעניתים ווען עס איז חל בשבת.**

**יום הכיפורים:** די הלכה איז ווען יום כיפור געפאלט אין שבת, איז יוהכ"פ דוחה שבת, און מ'פאסט.

(ס'איז באקאנט אז דער הייליגער ריזשינער זי"ע איז געפארן צום אפטער רב זי"ע, דער אפטער רב האט געהאט א מנהג צו עסן א סעודה רחבה שב"ק, און דער ריזשינער האט זייער ווייניג געגעסן. און לכבודו פונעם ריזשינער האט דער אפטער רב אויך כמעט גארנישט געגעסן, ווען דער ריזשינער האט זיך געוואונדערט דערויף, האט אים דער אפטער רב געזאגט אז דער שב"ק האט פאר יעדן א מאס וויפיל ער טרעט אפ פאר אים, פאר ר"ח גיט ער איבער דעם "יעלה ויבא" וכדומה, ווען עס קומט דער הייליגער יום כיפור טרעט ער אפ פאר אים אינגאנצן, ער איז מותר אפילו אויף די סעודות, ממילא אז עס קומט א גאסט ווי דער הייליגער ריזשינער, וואס איז בבחינת יום כיפור, טרעט ער אויך אפ פאר אים אינגאנצן אפילו די סעודות).

**י"ז בתמוז** און **תשעה באב** וואס געפאלט אין שבת שטופט מען אפ אויף זונטאג. אזוי ווי די גמרא זאגט אין מגילה (דף ה') אקדומי פורענות לא מקדמי.

**תענית אסתר** וואס געפאלט אין שבת רוקט מען צוריק אויף דאנערשטאג. ווייל מען קען נישט אפשטופן אויף נאך שבת, וויבאלד א טאג שפעטער איז דאך פורים, און צוריק רוקן אויף פרייטאג טוט מען אויך נישט, ווייל פרייטאג ערב שבת איז נישט קיין זמן וואס מען קען מרבה זיין מיט תחנונים, דעריבער איז מען דאס מקדים אויף דאנערשטאג.

**עשרה בטבת:** קען נישט אויספאלן שבת, אבער דער בית יוסף (או"ח סי' תק"נ) ברענגט בשם אבודרהם, אז ווען עס וואלט ווען געקענט אויסגעפאלן שבת, וואלט מען ווען געפאסט. ער לערנט דאס ארויס פון א פסוק (יחזקאל כ"ד ב') בעצם היום הזה, אזוי ווי ס'שטייט ביי יוהכ"פ, לערנט מען ארויס אזוי ווי יוכ"פ איז דוחה שבת, אזוי איז ביי עשרה בטבת, והא ראי' אז ווען עס געפאלט אין פרייטאג פאסט מען טאקע פרייטאג, כאטש מיר האבן געשמועסט אז תענית אסתר רוקט מען נישט אויף פרייטאג, איז עשרה בטבת פיל הארבער ווי די אנדערע תעניתים. אינטערעסאנט איז אז רש"י (מגילה דף ה' ע"א ד"ה אבל זמן) רעכנט יא אוים עשרה בטבת צווישן די תעניתים וואס אויב עס געפאלט שבת שטופט מען דאס אפ אויף זונטאג.